קרן תוספות יום טוב

גליון תי"ט

# נקדישך

פ' ויצא תשפ"ו לפ"ק

מרומם זיין
עבודת התפלה
וקדושת ביהמ"ד
מיט די "הייליגע
קבלה" נישט
צו רעדן ביים
דאווענען

## כַּדָּבָר הָאָמוּר

פנינים ומרגליות על הפרשה בעניני תפלה

**וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ וַיֹּאמֶר אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה.**

**די** סופי תיבות פון די ווערטער ויק**ץ**' יעק**ב**' משנת**ו**' ויאמ**ר**' איז **צבו"ר**, דאס קומט צו לערנען אז די תפילה ווערט געהערט נאר ווען מען דאווענט בציבור. (בעל הטורים)

**וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם.**

**חז"ל** אין מס' ברכות (כו) טייטשן דאסווארט 'ויפגע' אז עס לשון פון 'תפלה', דאס קומט מרמז צו זיין, אז מ'דארף האלטן אינאיין מתפלל זיין צום באשעפער. אזויווי א 'פגע' וואס לאזט נישט במנוחה, אזוי דארף מען כסדר דאווענען און דאווענען, און זיך נישט צוריקהאלטן פון בעטן נאך און נאך תפילות, ביז מען וועט זוכה זיין צו זען א ישועה.

(הרה"ק רבי דוד מלעלוב זצוק"ל)

## סוד שַׂרְפֵי קֹדֶשׁ

קדושת ביהמ"ד במשנתם של בעלי ההילולא

הרה"ק רבי **ישראל מטשארטקוב** זצוק"ל
במח"ס נזר ישראל ועוד – נפ' י"ג כסלו תרצ"ד

**וְאָמַר פַּעַם לְהרה"ח רַבִּי דָּוִד פְּרִיוֶועֶר זַ"ל מִבֶּערְלִין: "הֲסִבָּה שֶׁיֵּשׁ לִיהוּדֵי אַשְׁכְּנַז פַּרְנָסָה טוֹבָה יוֹתֵר מִלִּיהוּדֵי פּוֹלִין הִיא מִשּׁוּם שֶׁהֵם מַקְפִּידִים יוֹתֵר שֶׁלֹּא לְדַבֵּר בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה".**

(סדר קדשים בסו"ס גנזי ישראל)

## הוּא מוֹשִׁיעֵנוּ

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

# "אַנטשולדיגט מיר אַז איך בין נייגעריג, אָבער עפּעס מוז זיין אז דו האסט עפּעס א ספּעציעלן שייכות מיטן רבי'ן..."

### א סיפּור נפלא דערציילט געווארן דורך כ"ק אדמו"ר זידיטשוב-באר שבע שליט"א

**פּאַלגענד** איז א סיפּור פלא איבער דער נושא פון קדושת התפלה, לויט ווי פאַרציילט בלשונו הזהב פונעם זידיטשובער רבי'ן שליט"א:

עס האט מיר דערציילט א איד א דבר נפלא.

ווי באַקאַנט איז הרה"ק דער טאָהשער רבי זצוק"ל אין די לעצטע יארן שוין זייער אָפּגעשוואַכט געווען. דער צדיק האָט שוין דאַן כמעט נישט גערעדט.

עס איז געווען דעם לעצטן יאָר סוכות אָדער איינס פאַר דער לעצטער יאָר. דער רבי זצוק"ל איז אַרייננגעקומען צום טיש, און די וואָס האָבן געהאַט די אושפּיזין יענעם טאָג האָבן געשטעלט וויין אָדער קוגל, כנהוג. איז געווען דארט א איד - לאָמיר אים אנרופן משה - האָט מען אויסגערופן "ר' משה שטעלט וויין לכבוד די אושפּיזין". פלוצים, צו אַלעמענס וואונדער, הערט מען ווי דער צדיק רופט זיך אָן "ישר כח! ישר כח! זאלסט זיין געזונט און שטארק"!

ס'געווען אַ מורא'דיגער דבר חידוש ביים גאנצן עולם. דאָ איז דער צדיק אַזוי שוואַך, ממש וקולו לא ישמע. ביי קיינעם ווען מען האט אויסגערופן האט דער רבי נישט רעאגירט בכלל, און דאָ פּלוצים אַזאַ וואַרעמע ברכת הקודש.

פארציילט מיר דער איד וואָס איז דאָרט געווען - א באַלבאַטישער איד פון לאנדאן - אז ער איז צוגעגאַנגען נאכ'ן טיש צום דעם ר' משה'ן, און ער זאגט אים: "אַנטשולדיגט מיר אַז איך בין נייגעריג, אָבער כ'האָב דאָך דאָ מיטגעהאַלטן ממש אַ דבר פלא; דער רבי האָט בלויז ביי דיר זיך אָפּגעשטעלט און געוואונטשן. עפּעס מוז זיין אז דו האסט עפּעס א ספּעציעלן שייכות מיטן רבי'ן. פארציילט מיר ביטע וואָס דאָס מיינט. פאַרוואָס פונקט ביי דיר האט דער רבי זיך באדאנקט און אנגעוואונטשן?"

ענטפערט יענער איד: "ר' איד, איך פרעג אייך נישט אין אייער ענינים; ביטע מישט זיך נישט אין מיינע ענינים!"...

איז דאָך דער איד געוואָרן נאָך מער נייגעריג... אָה, דאָס טייטש דאָך אַז ער באַהאַלט עפּעס. ס'טאַקע גאָרנישט אַזוי פשוט. עפּעס אַ מעשה ליגט דאָ אונטער דעם... איז אַנשטאָט ער זאָל אים יעצט אָפּלאָזן, האט ער אָנגעהויבן מוטשען, אפשר דאָך דערציילט איר מיר וואָס דאָ גייט פאָר. אָבער יענער האַלט זיך קאַטאָגעריש: "ביטע זייט אַזוי גוט און לאָזט מיר צורוה"...

אַזוי איז עס געגאַנגען אַהין און צוריק, ביז דער ר' משה האָט געזען אַז ער האָט דאָ צו טון מיט עמיצן וואָס איז ערנסט פאַר'עקשנ'ט אים צו מאַכן רעדן, האָט ער זיך מיישב געווען אַז ער גייט מיט אים מאַכן אַ געשעפט.

- "הער מיך צו, איך האלט נישט ביים רעדן דערפון. אָבער אַז איך זע אַז דו ווילסט אַזוי שטאַרק הערן, מאך איך מיט דיר א געשעפט. איך האב א שוועסטער-קינד וואס מאכט יעצט חתונה, ער פלאגט זיך זייער און איך פרוביר אים ארויסצוהעלפן. יעצט, אז דו וועסט מיר געבן "טויזנט דאָלער" צו די חתונה פון מיין קאָזין, וועל איך דיר פאַרציילן די מעשה"!

- "נו, אדרבה, קיין פּראָבלעם",

המשך אויף עמוד ו'

# ׳אמיגא׳ אין יחוד שטוב...

די שמחה איז אויפן העכסטן שטאפל, שוין חדשים לאנגווארט מען פאר אט-דעם פרייליכן חתונה-נאכט, אט באגלייט מען דעם חתן צום חופה, די כלה איז מקבל קידושין כדת משה וישראל פון איר חשוב׳ן חתן א ירא שמים מרובים, וועמענ׳ס נאמען איז באקאנט אלס אויסגעצייכנטער בעל מידות טובות.

מזל טוב מקודשת! מקודשת!

די בעלי שמחה וואונטשן זיך הערצליך אן איינער דעם אנדערן, און חתן-כלה שפאצירן גליקליכערהייט אריין אין יחוד שטיבל.

א מינוט/צוויי נאך וואס די עדי יחוד זענען שוין געגאנגען, הערט מען מען קלאפן אויפן טיר. די טיר עפנט זיך, און עס קומט אריינצושפאצירן אן ערל מיט א גרינע העמד, די כלה ווייזט אים אן זיך אראפצוזעצן ביים טיש אינדערזייט.

"הממם... וואס איז דאס?" פרעגט דער חתן.

ענטפערט די כלה מיט א שמחה: "אה!... ער איז מיין רעכטער הענט, ער האט מיר צוגעהאלפן מיט אלע שלאק-ארבעט ביז צום חתונה. איך בין זיך ממש מחיה מיט אים, מ׳קען אים בעטן וואס מ׳וויל, אפילו ער זאל צען מאל גיין ארויף און אראפ, און ער טוט עס גערן..."

"און זארג זיך נישט", לייגט די כלה צו, "ער שטערט אונז נישט, אונז קענען רעדן צווישן זיך וואס מ׳וויל, ער פארשטייט נישט קיין אות אחת פון אונזער שפראך, קוים וואס ער פארשטייט ענגליש... ער וועט זיצן דא אינדערזייט שטיל".

"אקעי, אבער...?" שטאמלט דער חתן אינגאנצן צעמישט.

די כלה בארואיגט אים, "דו וועסט זיך מחיה זיין מיט אים. ער וועט אונז באגלייטן דורכאויס די קומענדיגע יארן, און שטיין גרייט צו טון סיי-וואס מ׳וועט אים בעטן".

"אבער איך פארשטיי נישט", לאזט דער חתן נישט נאך, "צי וואס דארף ער זיין דא מיט אונז פונקט יעצט אין יחוד שטיבל?"

"איך וועל דיר מסביר זיין", ענטפערט די כלה. "אויסער די שלאק ארבעט אויף וואס מ׳קען אים נוצן, איז ער אויך א געוואלדיגער מומחה, ער האט גאלדענע הענט, ער איז טאקע נישט קלוג, אבער ער האט אן אייזערנע זכרון. ער האלט חשבון אויף אלעם, ער דערמאנט מיר וואס איך האב צו טון, מיינע אפוינטמענטס, וועמען איך דארף רופן, וואס איך דארף אלס צו ערלעדיגן, ער פירט מיינע געלט זאכן, וועסט נאך זען".

די כלה זעט דעם חתן׳ס בליקן, און פרובירט אים צו בארואיגן: "מאך נישט קיין עסק פון אים, איך קוק אים בכלל נישט אן, איך וויל אים נאר האבן נעבן זיך אויב איך וועל עפעס דארפן פון אים. איך האב אפגעמאכט מיט אים אז ער זאל דא גארנישט אריינרעדן, ער וועט זיצן דא שטיל כאילו ער איז טויב און שטום, וואס שטערט דיר עס? בסך הכל זיצט ער אינדערזייט שטיל".

דער חתן האט בכלל נישט הנאה געהאט פון די גאנצע מעשה, און ער רופט זיך אן: "איך דארף אים נישט דא האבן. אויב מ׳וועט עפעס דארפן פון אים, וועט מען אים רופן, זאל ער בלייבן ווארטן אינדרויסן".

"ווייסטו וואס?" פרובירט די כלה זיך איינצובעטן. "איך וועל אים בכלל נישט אנקוקן, אפילו ער וועט מיר וועלן עפעס זאגן... אבער ס׳איז מיר אסאך רואיגער ווען ער זיצט דא. דזשאסט אין קעיס עס מאכט זיך עפעס אן ערמערדזשענסי..."

*

**דאס** וואס איר האט יעצט געליינט, איז אן אמת׳ע מעשה שהיה, אבער מיט עטליכע פרטים געטוישט:

א. דער חתן, איז כביכול דער מלך מלכי המלכים הקב"ה אליין, די כלה איז כלל ישראל, כנסת ישראל - כלה קרואה בנעימה.

ב. די יחוד-שטוב איז דער היכל בית המדרש, וואו אידישע קינדער קומען אריין זיך מייחד זיין מיטן באשעפער, און זיך אויסשמועסן מיטן בורא כל עולמים די פערזענליכע בקשות.

ג. דער ׳אמיגא׳ איז נישט קיין צווייטער ווי אונזער שטארק באליבטער ׳סעלפאן׳".

און יעצט ליינט איבער די מעשה פון אנהויב...

*

**ווען** א איד קומט אין שול לערנען און דאווענען, וויל ער זיך מייחד זיין מיטן באשעפער. מיט אביסל התבוננות פארשטייט יעדער בר דעת אז דער סעלפאן בשעת׳ן לערנען און דאווענען איז בערך ווי דער ׳אמיגא׳ אין יחוד שטוב, מען ברענגט מיט דעם נאנטען שלאק-שמש, וואס העלפט ארויס מיט אלע געברויכן. דער כוונה איז בכלל נישט צו ווערן געשטערט, נאר מ׳וויל אים האבן נעבן זיך דזשאסט אין קעיס.

דער הייליגער באשעפער כביכול וואונדערט זיך: ׳וואס זוכט ער בכלל דא?...׳ - דער איד פארענטפערט זיך: ׳איך קוק אים בכלל נישט אן, ער איז ממש ווי א גולם׳. אבער דער חתן שפירט נאכאלץ, ׳ער האט נישט וואס צו זוכן דא ביי אונז אין יחוד שטוב, דא איז נישט זיין פלאץ בכלל׳.

טייערע אידן! ווען א איד קומט אין שול רעדן צום באשעפער דארף דער סעלפאן בלייבן אינדרויסן, אדער על כל פנים אינגאנצן פארלאשן, אז אפילו באונס זאל עס נישט שטערן אדער ארויסווייזן חלילה זלזול התפלה. אדרבה, ווען מ׳לאזט אים אינדרויסן, זאגט מען מיט דעם פארן באשעפער: ׳איך בין דא אינגאנצן פאר דיר׳!

*

## דער ׳אמיגא׳ האט מיר געמאכט א בעל תשובה

**עטליכע** יאר צוריק, האט א איד, נאכן ליינען אט-דעם מאמר, צוריקגעשריבן דאס פאלגנדע מעסעדזש.

"איך וויל זאגן אז ׳נקדישך׳ האט מיר געטוישט מיין לעבן, איך בין אן אנדערער מענטש (כלשונו: איט טשעינדזשד מיי לייוו!) עטס האטס מיר געטוישט מיין גאנצע דאווענען, און בכלל מיין גאנצער בליק אויפן דאווענען".

"אפאר יאר צוריק האט איר געשריבן א מעשה מיטן ׳אמיגאו?׳ מ׳האט ארויסגעברענגט אז איינער קומט צו א יחוד שטוב, און ער האט מיטגעברענגט א גוי וואס זאל אים באדינען...

"איך בין א ביזי מענטש, נישט סתם... נאר זייער ביזי, איך האב צוויי סעלפאנס, און אגאנצן טאג לעב איך מיטן סעלפאן, און דא האב איך געליינט דעם מאמר, און ס׳האט מיר געכאפט.

פונקט א טאג שפעטער, זונטאג צופרי נאך וואס איך האב געליינט ׳נקדישך׳ רופט מיין זונ׳ס מנהל, און ער זאגט מיר אז מיין זון דארף אביסל חיזוק, אפשר זאל מען דינגען איינער וואס זאל זיך אפגעבן מיט אים.

איך בין געווען אונטערן רושם פון דער מעשה מיטן ׳אמיגא׳, האב איך מחליט געווען יענע מינוט, אז איך גיי קומען אין שול אן מיין סעלפאן! לזכות אז מיין זון זאל האבן הצלחה, און זיך פארבעסערן בתורה ויראת שמים.

זייט דעמאלס איז שוין אדורך צוויי יאר וואס מיין סעלפאן האט נישט אריינגעטרעטן אין שול, און מצוה גוררת מצוה, מיין דאווענען איז געווארן א נארמאלע דאווענען, און בעסער געזאגט ׳איך האב אנגעהויבן צו דאווענען!׳

ביז דעמאלס פלעג איך קומען אין שול, ווייל ׳וועלכער איד גייט דען נישט אין שול?...׳ איך פלעג אפשמועסן רוב צייט... איך וויל אפילו נישט רעדן פון יענע צייטן...

יעצט קום איך אין שול סיי וואכן און סיי שבת, און איך רעד איך נישט קיין אות אחת, ס׳איז אן אנדערע וועלט, און אלעס איז אדאנק ׳נקדישך׳!"

ווען איך טראכט אריין דערין, זע איך אז איך האב עס טאקע געטון לזכות אז מיין זון זאל זיך פארבעסערן, אבער ברא מזכה אבא, ער האט מיר מזכה געווען צו ווערן א בעסערער איד!

- מאנסי נ. י.

# מִזְמוֹר לְדָוִד ה' רֹעִי - בָּרְכוּ

## א מנהג אר"י ז"ל

**עס** זענען דא וואס פירן זיך צו זאגן נאך די 'ברכת מעין שבע' דעם מזמור כ"ג פון תהלים, 'ה' רועי לא אחסר'. דאס ווערט געברענגט אין **שער הכוונות** (ענין ערבית ליל שבת, עמוד עב), און אזוי אויך אין **סידור תפילה למשה** פונעם **רמ"ק** (שער י, סי"א).

א טעם דערצו שטייט אין **סידור תפילת החודש** (ליוורנו), אז דער קאפיטל רעדט פון שבת, ווען מ'זאגט 'על מי מנוחות ינהלנו', וואס איז א רמז אויף מנוחת שבת, און 'נפשי ישובב' וואס איז א רמז צו דער נשמה יתירה וואס קומט שבת, און נאך פארשידענע רמזים.

אנדערע זאגן עס אבער נישט, ווי עס שרייבט **הרה"ק מקאמארנא זי"ע** אין **שולחן הטהור** (סי' קלג, סק"א), אז דאס איז בלויז א מנהג ביי די עדת הספרדים, אבער די בני אשכנז זאגן עס נישט, און ער פירט אויס: **'וכן מרן הריבש"ט, ורבינו יחיאל תלמידו, ורבינו יעקב יצחק תלמיד תלמידו, ומורי דודי תלמיד תלמיד תלמידו, וכך אנו נוהגין בכל מנהגי תפלה כמנהג מרן הריב"ש'.**

*

## דער שייכות פון 'מזמור לדוד' צו שבת

**רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע** (פרי צדיק, תרומה, אות יא) ערקלערט דער שייכות פון דעם מזמור צו שבת קודש, אז וויבאלד מען רועט פון א מלאכה און מען ארבעט נישט פאר פרנסה, אבער אין דער זעלבער צייט געבט מען אויס מער געלט פאר הוצאות סעודת ועונג שבת, לאכן פון אונז די גויים, און זאגן אז אלעס וואס אידן פארדינען איבער די וואך ווערט אויפגעגעסן פונעם שבת, אזויווי די גמרא דערציילט, אז רבי ראובן בן איסטרובלי האט געזאגט פאר די מלכות איבער די גזירה אויף שמירת שבת, אז עס לוינט זיך צו לאזן די אידן היטן שבת, ווייל דאס מאכט זיי ארעם, דעריבער זאגט מען תיכף ביים כניסת השבת: 'ה' רועי לא אחסר', ווייל מיר ווייסן אז דער באשעפער איז אונזער פאסטוך און ממילא וועט אונז גארנישט פעלן.

אין **סידור בית אברהם** (ח"ב, סדר תפלת ערבית ליל שב"ק) ווערט ערקלערט דער קאפיטל ווי פאלגנד: 'ה' רועי, לא אחסר' - עס זאל פון מיר נישט פעלן אט-דער ידיעה, אז 'ה' רועי', דער באשעפער זארגט און איז משגיח אויף מיר ברוחניות ובגשמיות, און אן זיין הילף קען איך גארנישט טון.

און צו דער ידיעה קען מען צוקומען שבת, ווי מ'זאגט אין די תפילת שבת 'יכירו בניך וידעו כי מאתך הוא מנוחתם', און די מנוחה איז אז 'בנאות דשא ירביצני', פונקט ווי די גראז וואקסט אן קיין טורח און עמל, אזוי וועט קומען די פרנסה אן קיין אנשטרענגונג, און מ'וועט קענען לערנען און מקיים זיין די תורה מיט א מנוחת הנפש און רואיגקייט.

*

## ווער זאגט דעם קדיש?

**נאך** מזמור לדוד זאגט מען 'קדיש' און 'ברכו את ה' המבורך'.

איבער דער קדיש נאך מזמור לדוד זענען דא מנהגים שונים, צי עס איז א חצי קדיש וואס דער בעל תפילה זאגט, אדער א קדיש יתום מיט א 'יהא שלמא'. אין **משנת חסידים** שטייט אז מען זאגט קדיש יתום. אבער דער **קצות השלחן** (ח"ג, סי' עז, ס"ק כט) ברענגט, אז דאס איז נאר לויטן מנהג הספרדים וועלכע זאגן נישט קיין קדיש יתום נאך 'עלינו', אבער לפי דער מנהג האשכנזים אז מ'זאגט קדיש יתום נאך 'עלינו' זאגט מען דא חצי קדיש.

אין ספר **דרכי חיים ושלום** (מונקאטש, סדר ליל שבת, אות שפא) ווערט געברענגט, אז נאכן ברכת מעין שבע און קדיש תתקבל האט מען געזאגט 'מזמור לדוד ה' רועי לא אחסר', מ'האט געזאגט חצי קדיש און ברכו, און ווען ס'איז געווען א בעל יארצייט אין בית המדרש האט ער געזאגט דעם חצי קדיש און ברכו, כאטש ער איז נישט געווען דער בעל תפילה.

אמאל איז געווען דער יארצייט פונעם סבא קדישא הגאון **בעל שו"ת מהרש"א אלפאנדרי זי"ע**, דאן האט דער דרכי חיים אליין געזאגט חצי קדיש און ברכו, אנשטאט דעם שליח ציבור.

אויך שטייט אין זמירות **שבת שבתון** פון ספינקא, אז דער 'חקל יצחק' פלעגט נישט אליין זאגן דעם קדיש און ברכו, נאר ער האט מכבד געווען א צווייטן פונעם קהל עס צו זאגן, אדער איינער וואס וועט האבן יארצייט במשך די וואך. עס ווערט געברענגט דערויף א טעם אין 'זמירות תפארת צבי ספינקא', אז וויבאלד לויטן מנהג זידיטשוב זאגט מען נישט ברכו, נאר די חסידים האבן געבעטן אז מ'זאל יא זאגן ברכו, דעריבער האט ער מכבד געווען א צווייטן דערמיט.

*

## ברכו את ה' המבורך

**באמת** זענען די ספרים מעיר, אז דאס וואס אין סידור האר"י שטייט די כוונות פון דעם קדיש, איז בלויז לויט די מנהג פון די ספרדים אז מען זאגט 'ברכו' בעפאר 'עלינו' אויך אגאנצע וואך, אבער לויט די מנהג האשכנזים אז מ'זאגט נישט 'ברכו' זאל מען שבת אויך נישט זאגן.

פונדעסטוועגן איז דער מנהג אין רוב מקומות וואו מ'פירט זיך לויטן אריה"ק, אז מ'זאגט יא ברכו שבת ביי מעריב, כאטש אינדערוואכן זאגט מען עס נישט.

*

## תוספת רוח ביים צווייטן ברכו

**אין** ספר 'שער הכוונות' שטייט, אז אויב מען האט פארגעסן צו מקבל זיין דעם 'תוספת חלק הרוח' פון קדושת שבת, קען מען עס אינזין האבן ביים צווייטן ברכו בעפאר עלינו. וועגן דעם זענען דא וואס ערקלערן פארוואס אפילו אין אשכנזי'שע מקומות זאגט מען דעם ברכו, אנדערש ווי אגאנצע וואך, כדי אז אויב איינער האט פארגעסן אינזין צו האבן מקבל צו זיין דעם תוספת רוח וואס קומט אראפ ביי ברכו, זאל מען עס קענען מכוון זיין ביים צווייטן ברכו.

אבער דער מונקאטשער רב זי"ע שרייבט אין **חמשה מאמרות** (מאמר נוסח התפילה), אז פונדעסטוועגן זאל מען עס אלעמאל זאגן, כאטש מ'האט יא אינזין געהאט ביים ערשטן ברכו, און ער ברענגט ראיות דערצו פון רבי חיים וויטאל.

## געזען די כוונות אין חלום

**א**ין די הקדמה פונעם **חקל יצחק** צום **ספר** פון זיין פאטער **'אמרי יוסף'** דערציילט ער, אז אמאל האט דער אמרי יוסף דערציילט, אז ער האט געזען אין חלום דעם הייליגן בארדיטשוב'ער זי"ע ווי ער האלט א ספר, און ער האט געפרעגט פון דעם אמרי יוסף אויב ער ווייסט די כוונות פון ברכת מעין שבע פון ליל שב"ק. האט ער אים געענטפערט די כוונות וואס עס שטייט אין סידור האר"י הק'.

האט אים דער בארדיטשוב'ער געזאגט אז נישט דאס זענען די כוונות, און ער האט געעפנט דעם ספר פון זיין האנט, און געוויזן אז דער אר"י הק' האט צוריקגעצויגן און געשריבן אנדערע כוונות. דערמיט האט זיך דער אמרי יוסף אויפגעוועקט, און ער האט געדענקט די כוונות וואס ער האט געזען אין יענעם ספר אין חלום.

נאך אסאך יארן איז אנגעקומען צו אים דער סידור הרש"ש, און ער האט דארט געזען די כוונות וואס ער האט געדענקט פון דעם חלום.

הרה"ג רבי **אברהם יעקב יאקאב** שליט"א בעמח"ס ימים ידברו

# דאווענען און בעטן אויף יעדע קלייניגקייט (ב)

## וואס איז אזוי אינטערעסאנט מיט א פָּאפּעגיי?...

**ט**ייערע ברידער: **מיר האבן א גוטן באשעפער, ער וויל אונז געבן, ער גיבט אונז, און ער וועט אונז ווייטער געבן. ער בעט זיך ביי אונז נאר איין קלייניגקייט, 'בעט פון מיר!'** ווייל א טאטע וויל געבן פאר זיין קינד, נאר ער האט ליב צו הערן ווען זיין קינד רעדט און בעט פון אים.

יעדער איינער ווייסט אז ווען א קליין קינד הייבט אן צו רעדן ווערט יעדער איינער נתפעל ווי אינטערעסאנט דאס איז. מיט יעדעס ווארט מער וואס ער קען שוין רעדן, רופט מען אן די עלטערן דערציילן די אינטערעסאנטע נייעס אז משה'לע קען שוין רעדן! וואס איז בסך הכל געשען? משה'לע קען שוין זאגן 'טאטי!' אסאך מער פון דעם טוט זיך אין אלע עולמות עליונים ווען א איד זאגט: "טאטי, העלף! טאטע געב מיר, ווייל איך קען נישט אן דיר!"

ווי עס שטייט אין ספה"ק **בית אהרן** א משל: עס איז דא די באקאנטע בעל חי וואס הייסט א 'פאפעגיי', וואס ער רעדט און זאגט נאך אלעס וואס דער מענטש האט געזאגט. עס קענען שטיין הונדערטער און טויזנטער מענטשן, און באטראכטן מיט וואונדער ווי אינטערעסאנט דאס קוקט אויס, וויאזוי א בעל חי זאגט נאך אלעס וואס דער מענטש זאגט. איי עס זענען דאך דא ביליאנען מענטשן אויף דער וועלט וואס רעדן אן קיין אויפהער און קיינעם אינטערעסירט נישט וואס זיי זאגן... אבער וויבאלד א בעל חי איז בכלל נישט אין דער דרגה פון א מענטש, דעריבער ווען ער מאכט נאך וויאזוי א מענטש רעדט איז עס גאר וואונדערליך.

דער נמשל דערויף זאגט דער הייליגער בית אהרן איז: **די מלאכים ושרפים אויבן אין הימל זינגען שירה אויפן שענסטן און דערהויבנסטן אופן, אבער עס איז נישט קיין חידוש, אבער ווען א איד אויף דער וועלט זאגט שירות ותשבחות, אדער ער איז מתפלל צום הייליגן באשעפער, שאקלט ער דערמיט אלע וועלטן!**

נאך צוויי טויזנט יאר וואס מיר געפינען זיך אינעם ביטערן גלות, וואס דאס איז למעלה מדרך הטבע אז עס איז נאך בכלל דא אידן אויף דער וועלט, זענען נאך פאראן אלפים ורבבות אידן וואס זיי שרייען: **"טאטע העלף מיר איך זאל האבן פרנסה". "טאטע העלף מיר איך זאל קענען לערנען". "טאטע העלף מיר איך זאל קענען עסן". ווי דער הייליגער רבי ר' זושא פלעגט זאגן: 'זושא דאנקט דיר פאר די אפעטיט'.**

## תפילה ברענגט אמונה

**'וַאֲנִי קִרֲבַת אֱלֹקִים לִי טוֹב'** (תהלים עג, כח), דוד המלך זאגט: מיר איז גוט קירבת אלקים. וויאזוי ווערט די קירבת אלקים? דורך דעם דיבור פונעם מענטש.

עס זענען געווען גרויסע צדיקים וואס האבן זיך פארשטאנען אויפן וואונק; איך האב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן צדיקים וועלכע זענען געזעסן איינער קעגן דעם צווייטן, און האבן נישט ארויס גערעדט קיין ווארט פון מויל, זיי האבן זיך אנגעקוקט און זיי האבן זיך זייער גוט פארשטאנען, מיט טיפע שמועסן וואס מיר פארשטייען נישט. אבער ביי אונז פשוט'ע מענטשן האט דער אויבערשטער געמאכט, אז דיבור איז דער כלי וואס ברענגט א קירבה איינער צום אנדערן. מיט דעם וואס מען רעדט מיט א מענטש ווערט מען נאנט צו אים, אזוי אויך ווערט מען נאנט צום אויבערשטן מיט א דיבור פון קדושה און א דיבור פון אמונה.

ווען א איד האלט אין איין בעטן, איז דאס דער גרעסטער 'אני מאמין'. מיט יעדעס מאל וואס דו בעטסט דעם אויבערשטן חזר'סטו דערמיט די אני מאמין: **'שהבורא יתברך שמו הוא בורא ומנהיג לכל הברואים, והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים'**, ער האט באשאפן די וועלט, ער האט אלעס געטון אויף דער וועלט, און ער וועט ווייטער מאכן אלעס, איך אליינס קען גארנישט, און ווען איך וויל עפעס דארף איך בעטן 'טאטע גיב מיר עס'.

## אויסלערנען די קינדער און תלמידים צו בעטן אויף יעדע קלייניגקייט

**מען** דארף דאס קענען אריינברענגען אין די קינדער. עס איז א געוואלדיגער זכות פאר איינער וואס איז א מלמד אדער א מגיד שיעור, ער האט בחורים'לעך, און ער ברענגט אריין דעם ענין אויף א טעגליכן אופן נאכאנאנד, ביז עס ווערט ביי אים א רגילות, אז יארן שפעטער ווען דער מלמד געדענקט שוין אפילו נישט אז דאס יונגעלע האט געלערנט ביי אים, אבער דער יונגל איז געבליבן מיט דעם רגילות, אז יעדע זאך וואס איך דארף, בעט איך מיין ליבן טאטן אין הימל. בפרט ביי יונגלעך און בחורים וואס האבן נאך אין זיך די תמימות און ערנסטקייט, ברענגט עס אריין אין זיי אזויפיל יראת שמים און התקרבות צום אויבערשטן.

זאל דער אויבערשטער העלפן אז מיר זאלן האבן א זכות זיך ארייננצולייגן אין אט-די עבודה, וואס קען זיין פון די שווערסטע עבודות, אבער פון די אנדערע זייט קען עס זיין פון די גרינגסטע עבודות. עס איז טאקע אביסל שווער זיך צו צוגעוואוינען אז פיר און צוואנציג שעה א טאג דארף איך יעדע זאך בעטן פונעם אויבערשטן, אבער דאס ברענגט מיט זיך א געשמאק, ווייל **דו פילסט אז דו האסט א טאטע, איך בין נישט אליין, וואו איך גיי און וואו איך שטיי האב איך א טאטע**, ווי דוד המלך זאגט אין תהלים (עג, כג): **'וַאֲנִי תָמִיד עִמָּךְ אָחַזְתָּ בְּיַד יְמִינִי'** - איבעראל בין איך מיטן טאטן, ווייל מיין טאטע איז אין די גאנצע וועלט.

## א רואיגע לעבן

**מען** דארף זיך איינגעוואוינען צו לעבן מיטן ענין פון 'תפילה לקל חי', מתפלל זיין

המשך אויף עמוד ו'

## אַדִּיר וְחָזָק
ציטוטים קצרים מספה"ק
על עוצם כחה של תפלה

### אף החוטא תפילתו עולה לרצון לנחת רוח לפני השי"ת

**ויצא יעקב**, י"ל דהכתוב בא ללמד לאדם ענין התפילה, לאשר זה דרכו של היצר הרע, להפיל במחשבת האדם בתפילתו שהוא איש חוטא, ואיך ידבר דיבורים קדושים לפני מלך מלכי המלכים. ואמנם האדם המשכיל יבין את זאת, כי אין זאת רק פיתוי היצר להטרידו מעבודתו להפילו לבאר שחת, ובאמת אף אם עושה עבירות כל ימי חלדו, אם ייטיב דרכו מעתה, ויקדש מחשבתו כראוי, אז העבירות שעשה מקודם לא יזכרו עוד, ואדרבה יתהפכו לזכיות, והגם שהוא סולם מוצב ארצה והוא במדריגה תחתונה, עכ"ז וראשו מגיע השמימה ויוכל לפעול שיהיה תפילתו עולה לרצון לנחת רוח לפני השי"ת, ושיהיה נבראים מלאכים ע"י דיבוריו, וזהו והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו. (אמרי נועם בפרשתינו)

## וַיַּשְׁמִיעֵנוּ
ידיעות שונות ומטמוניות
נפלאות בנושא של תפלה

### תפילת ערבית הוא החשובה ביותר

**איתא** בגמ' דתפילת ערבית רשות, ויש להבין איך יתכן שתפילת ערבית שתיקן יעקב אבינו בחיר האבות היא רשות, וי"ל דאדרבה הוא הנותנת, לפי שהוא התפילה החשובה ביותר, לכן תפילת ערבית רשות, דכיון שהיא רשות ומ"מ מתפללים אותה, מוכח מזה גודל אהבת ישראל להשי"ת שמוסיפים אף יותר מן המחוייב. (דרשות ח"ס לשבה"ג)

### תפילה בציבור סגולה לפרנסה

**ויק'ץ יעק'ב משנת'ו ויאמ'ר**, איתא בבעל הטורים שהסופי תיבות הוא צבו"ר, לומר שאין תפילתו של אדם נשמעת אלא בציבור, וזהו שאמר הפסוק כי לא אעזבך, היינו פרנסה, כמבואר במדרש, לרמז שתפילה בציבור הוא סגולה לפרנסה. (דברי ישראל - מאדזיץ)

# עבודת התפילה

אצל הרה"ק

רבי יואל צבי ראטה

זיעועכי"א

אבדק"ק חוסט, ובעמח"ס בית היוצר

נפ' י"א כסלו תרנ"ג לפ"ק

## אויסגעהערט 'שיר השירים'

**הגה"ק** רבי יואל צבי ראָטה זצ"ל בעל בית היוצר, איז געבוירן געוואָרן אין קאָמאַדע, בערך אין שנת תקע"ט, צו זיין פאָטער הצדיק רבי שמעון ז"ל.

אַלס קינד האָט מען שוין געזען אויף דעם קליינעם יואל הערש אַז ער איז משכמו ולמעלה גבוה, און ער האָט זיך שוין דעמאָלס אויסגעצייכנט שטערקער פון אַלע אַנדערע קינדער אין זיין עלטער.

אַלס קינד פון צוועלף יאָר, ווען דעם בית היוצר'ס פאָטער האָט געזען אַז זיין זון איז א כלי מוכשר און ער וואַקסט אַ גדול בישראל, האָט ער אים געשיקט לערנען קיין אונגוואַר, צו די ישיבה פון **הגה"ק רבי מאיר א"ש זצוק"ל**, אַ תלמיד פון דעם הייליגן חתם סופר, ומגדולי הדור בימיו.

דאָרט איז דער בית היוצר געשטיגן פי כמה, סיי מיט זיין געוואַלדיגע התמדה, און סיי בענייני חסידות ופרישות, בדקדוקי המצוות והידור מצוה.

פילע מאָל ערב שבת ווען דער בית היוצר זצ"ל איז געזעסן און געזאָגט די פסוקים פון 'שיר השירים' מיט אַ קול רגש און געגועים כדרכו בקודש, איז זיין הייליגער רבי דער מהר"ם א"ש געשטאַנען מאחורי הפרגוד זיך איינצוהערן צו זיין שטימע, און זיך דערקוויקט פונעם קול ווי זיין באַליבטער תלמיד זאָגט בשפה ברורה ונעימה די פסוקים.

*

## א פולע שאנק מיט תפילין'ס

**אויסערדעם** וואָס דער בית היוצר איז געווען פאַררעכנט אַלס איינער פון די גדולים וגאונים בדורו, איז ער אויך געווען אַ מופלג בחסידות. זיין עבודת הקודש יעדן טאָג איז צוגעגאַנגען מיט א שמחה און התלהבות, און ער פלעגט מיט גרויס השתפכות הנפש און נעימות דקדושה מקיים זיין יעדע מצוה און מנהג ישראל תורה.

דאס הנחת תפילין יעדן טאָג איז ביים בית היוצר פאַררעכנט געוואָרן אַלס איינע פון די גרויסע עבודות. עס ווערט דערציילט, אַז ער האָט געהאַט אַ שאַנק פול מיט פּאָרלעך תפילין'ס, ווייל ווען ער האָט געהערט פון אַ פרישן סופר מומחה אַ ירא ה', וואָס מאַכט בתים בתכלית ההידור, האָט ער ביי יענעם באַשטעלט אַ נייע פּאָר תפילין, און נישט געקאַרגט קיין געלט אויף די הוצאות און טירחות, ביז עס איז אים געלונגען זיך איינצוהאַנדלען אַ פרישן מהודר'דיגן סעט תפילין, וואס דורכדעם איז אים במשך הזמן דער שאַנק פול געוואָרן פון תפילין'ס.

עס איז מערקווירדיג וואָס דער בית היוצר דרוקט זיך אויס אין איינע פון די תשובות (חלק או"ח, סימן ו), בזה הלשון: **'וזה יותר משנה אשר כתב לי הסופר מומחה וי"ש מרבים דק"ק שינאָווע נ"י פרשיות, והניחם בבתים מפּרעמיסלא, באותו אופן עצמו שעשה למרן הצדיק והקדוש האמיתי מק"ק שינאָווע שליט"א...'** [אין לייכטער איבערזעצונג: שוין העכער אַ יאָר וואָס דער סופר מומחה פון שינאָווע האָט מיר געשריבן פרשיות, און עס אַריינגעשטעלט אין בתים פון פּרעמיסלע, אויפן זעלבן שטייגער ווי ער האָט עס געמאַכט פאַרן הייליגן שינאָווער רב...]

*

## ווען דעם אראפגעקומען

**אַמאָל** ווען דער בית היוצר האָט געשמועסט מיט זיין ידיד **הגה"ק רבי שמואל קאָמאַדער אבד"ק דאָראָג זצ"ל**, האָט זיך דער בית היוצר אויסגעדרוקט: מיר דוכט זיך, אַז צוליב די מצוה פון תפילין בין איך אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט. האָט דער דאָראָגער רבי געענטפערט: דער רבי איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט צוליב אַלע מצוות. אין אַלעם איז דער רבי מדקדק בקלה כבחמורה אויף אַ משונה'דיגן אופן.

*

## נישט געזאגט תחנון

**דעם** בית היוצר'ס זון **הגה"צ רבי משה שמעון ראָטה זצ"ל אבד"ק דיורע** שרייבט אין אַ בריוו (געדרוקט אין 'דרשות בית היוצר'), אַ מעשה פלא וואָס האָט איינמאָל פּאַסירט מיט זיין טאַטן אין די יומא דהילולא רבה פון **הגה"ק מליסקא זצ"ל**. לויט ווי עס האָט דערציילט איינער פון זיין פאָטער'ס תלמידים פון חוסט, ר' בן ציון ענגיל פון גאַווע ז"ל בעל העובדא.

דער ר' בנציון האָט געדאַוונט איינמאָל אין אַ זונטאָג שחרית פאַרן עמוד. ווען ער האָט געענדיגט די הויכע שמונה עשרה האָט אים דער בית היוצר מרמז געווען ער זאָל זאָגן קדיש אַנשטאָט תחנון. ס'איז געווען פאַרן תלמיד אַ פלא, ווייל וואָס איז דען היינט אַנדערש פון אַן אַנדערן טאָג, אָבער ער האָט זיך נישט געטרויעט צו פרעגן עפּעס פון זיין רבי'ן און זיין אַ מהרהר אחר רבו.

נאָכן דאַווענען פלעגט דער בית היוצר געבן אַ שיעור צו די תלמידים אין שו"ע או"ח, אָנגעטון מיט תפילין דרבינו תם. יענעם טאָג אינמיטן שיעור איז אַנטוויקלט געוואָרן דער שמועס וועגן זאָגן תחנון. דעמאָלס האָט דער תלמיד געהאַט אַ פתחון פה, און זיך געטרויעט צו פרעגן זיין רבי'ן די סיבה פאַרוואָס ער האָט היינט נישט געזאָגט קיין תחנון?

האָט דער בית היוצר געענטפערט: איך ווייס אויך נישט די סיבה דערפון, נאָר מיין רבי הגה"ק מליסקא זצ"ל האָט זיך צו מיר פּונקט מגלה געווען, און מיר געהייסן איך זאָל נישט זאָגן קיין תחנון. מער האָט ער גאָרנישט געזאָגט. האָב איך געטראַכט אז זיין כוונה איז געווען, וויבאַלד ער פלעגט זיך פירן נישט צו זאָגן קיין תחנון זונטאָג, וויל ער אפשר איך זאָל זיך אויך אַזוי פירן. און דער בית היוצר האָט ווייטער ממשיך געווען מיטן שיעור.

אינמיטן איז יענעם תלמיד פּלוצלינג אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק, היינט איז דאָך י"ד אב, די יומא דהילולא רבה פון דער הייליגער ליסקער רב. זיכער איז דאָס די סיבה פארוואָס הרה"ק מליסקא האָט זיך מגלה געווען צום רבי'ן, און אים געבעטן ער זאָל נישט זאָגן קיין תחנון.

ווען ער האָט שפּעטער דערציילט זיינע מחשבות פאַרן בית היוצר, איז ער געוואָרן דערפון מלא שמחה, און באַלד געשיקט מען זאָל שטעלן מזונות און יי"ש לעילוי נשמתו הטהורה.

*

## פחד פונעם שבת'דיגן מוסף

**אין** אַ געלעגנהייט ווען דער בית היוצר האָט גערעדט פון די גרויסע עבודה פון **מרן הגה"ק בעל דברי חיים זי"ע,** האָט ער געזאָגט מיט אַ רגש'דיגע שטימע: ווען איך דערמאַן מיך די תפילת שמו"ע פון מוסף שבת צופרי, וואָס איך האָב געהערט מפורש יוצא מפי כהן גדול - כאַפּט מיך אָן אַ ציטער. איך ווער דערשראָקן פון וואָס איך האָב זוכה געווען צו זען דעם גרויסן כח פון אַ ילוד אשה!

?

# מֵעֹרְתָיו שׁוֹאֲלִים

שו"ת בהלכות תפלה הנוגעים בכל יום

### א הפסק ביים יוצא זיין קר"ש ביי קרבנות

**שאלה: איב בשעת ווען מען ליינט קר"ש ביי קרבנות האט מען אינזין יוצא זיין די מצות קר"ש, וויבאלד מען זעט אז ווען מען וועט האלטן ביי שחרית וועט שוין זיין נאכן זמן קריאת שמע, אבער נאך די ערשטע פרשה האט מען זיך פארגעסן און אנגעהויבן זאגן 'אתה הוא עד שלא נברא העולם' וכו', צי הייסט עס א הפסק, און מען דארף איבערליינען די ערשטע פרשה, אדער מען קען באלד גיין צו די צווייטע פרשה תיכף ווען מען כאפט זיך?**

**תשובה:** עס הייסט נישט קיין הפסק, און מען קען באלד ווען מען דערמאנט זיך ליינען 'והיה אם שמוע' וגו'

די שאלות ווערן געענטפערט דורך
הרה"ג ר' **נחום צבי מאיר ראזענפעלד** שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא, ובעל הליכות החיים

איר קענט אנפרעגן א שאלה בעניני תפלה וקרה"ת דורכן רופן דעם קרן תוי"ט האטליין און דרוקן 2#

המשך פון עמוד א׳

ענטפערט אים דער נגיד פון לאָנדאָן. ער נעמט אַרויס אַ טשעק פון טויזנט דאָלער און דערלאַנגט אים אַהין; "נאָ, דאָ האָט איר, יעצט דערציילט!"

מקח בלייבט מקח, און דער ר׳ משה הייבט טאַקע אָן דערציילן זיין העכסט הפלא׳דיגע עובדא. דערציילט ער אים אַזוי, אַ מורא׳דיגע זאַך. די לעצטע שטיק האָב איך זיך מקבל געווען אז ער האט זיך מקבל געווען אַז איך רעד נישט אין ביהמ״ד קיין שום דיבור חול. דאָס טייטש, נישט בלויז בשעת׳ן דאַווענען; פון דעם איז אָפּגערעדט. נאָר בכלל אין ביהמ״ד, רעד איך נישט קיין שום זאַך וואָס האָט נישט קיין שייכות צום דאַווענען אָדער לערנען.

דערציילט ער ווייטער: היינט אינדערפרי בין איך געווען אין ביהמ״ד ווען מ׳האָט אַריינגעברענגט דעם רבי׳ן אין ביהמ״ד. ס׳האָט מיר מורא׳דיג וויי געטון און געריסן ביים האַרצן צו זען דעם שווערן מצב פונעם צדיק, ווי ער זיצט אַזוי צוזאַמגעבראָכן און איינגעבויגן, והוא מחולל פּשעינו.

איך בין געוואָרן אַזוי איבערגענומען, אז איך האב מחליט געווען ביי מיר, ביני לבין קוני, אַז דעם גאַנצן זכות וואָס איך האָב אַז איך רעד נישט אין ביהמ״ד, דאָס געב איך אַוועק פאַר׳ן רבי׳ן! ס׳זאָל זיין לזכותו פאַר אַ רפואה וישועה!

"ס׳ביי מיר נישט קיין ספק אַז אָט דאָס האָט דער רבי מרגיש געווען, און ער האָט מיר פאַר דעם געזאָגט ׳ישר כח ישר כח׳ בשעת׳ן שטעלן די ווייַן"!

דער איד איז געבליבן אָן אַ לשון. אַ דבר פּלא; אַליין מיטגעהאַלטן און אַליין געזען.

און דער זידיטשובער רבי שליט״א האָט אויסגעפירט: "פון דעם זעט מען עד היכן הדברים מגיעים, ווי גרויס און ווי חשוב ס׳איז אַזאַ הייליגע זאַך, זיך מקבל זיין א קבלה טובה אין קדושת הביהמ״ד; און דאָס איז געווען בכלל אין ביהמ״ד, וכל שכן וכל שכן אַז מ׳היט זיך אָפּ נישט צו רעדן בשע׳ן דאַווענען, ביי חזרת הש״ץ און ביי קדיש וכו׳, איז עס אַ דבר גדול עד למאוד!"

## מַשְׁמִיעִים קוֹל

מגידים מפורסמים משמיעים קול בגודל כח התפלה וסגולתה

המשך פון עמוד ד׳

שטענדיג צום אויבערשטן, און אויב מען טוט אזוי, דאן לעבט מען אנדערש, דאס לעבן איז אסאך רואיגער.

מיין טאטע זאל זיין געזונט זאגט אלעמאל דעם נוסח: "**קיינער וויל דיר נישט העלפן; קיינער קען דיר נישט העלפן; קיינער וועט דיר נישט העלפן. נאר דער אויבערשטער וויל העלפן; דער אויבערשטער קען העלפן; און דער אויבערשטער וועט דיר העלפן!**"

קיינער קען מיר גארנישט טון אויסער דער אויבערשטן; קיינער קען מיר נישט צונעמען, און קיינער קען מיר נישט געבן, בלויז איינער קען מיר געבן, און נאר ער קען פון מיר צונעמען, און ווען איך בעט אים: ׳טאטע ביטע גיב מיר׳ - דאן גיבט ער מיר!

### דעם אויבערשטן קען מען נישט פארלירן

**מיר** ווען מסיים זיין מיט א מעשה, וואס מען דערציילט אויף איינער פון די גרויסע תלמידים פונעם הייליגן בעל התניא.

עס איז אמאל פארברענט געווארן זיין דירה רח״ל, איז ער ארויסגעקומען אינדרויסן אויפן גאס און ער איז געטאנצן און געשפרונגען. דער עולם האט געמיינט אז ער איז ל״ע יצא מדעתו, ער איז משוגע געווארן פון דער צרה.

האט ער מסביר געווען זיין שמחה אויף וואס ער האט זיך געפריידט, און ער האט געזאגט: "**אויב וואלט איך געווען א גוי, וואלט דאך מיין עבודה זרה׳לע אין שטוב אויך פארברענט געווארן אינאיינעם מיט אלע חפצים, אבער אזויווי איך בין א איד ב״ה, טוט מיר טאקע וויי אויף אלע חפצים וואס זענען פארברענט געווארן, אבער מיין לעבעדיגער באשעפער איז געבליבן מיט מיר, ער איז חי וקים, דערפאר טאנץ איך, און איך בין אזוי בשמחה אז איך בין א איד!**"

מיר זענען שוין טאקע אין גלות באלד צוויי טויזנט יאר, אבער אונזער טאטע לעבט נאך! ער איז חי וקיים! דער אויבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין צו מרגיש זיין דעם ואני קירבת אלקים לי טוב.

## זֶה לָזֶה

מכתבים • הערות • והארות

### "מציבה יהי׳ בית אלקים"...

**דער** כתבא רבא הרב ב.צ. הירש האט אמאל טראגי-קאמיש געשריבן אז די מגידי הדור זאגן: "אז מ׳וויל דער עולם זאל קומען ערליך דאווענען אין שול, און זיך אויסגיסן דאס הארץ צום באשעפער, דארף מען אהינלייגן א ציון פון א פריערדיגן צדיק זי״ע, און דער עולם וועט קומען צו לויפן און דאווענען בכוונה..."

בדרך צחות קען מען צולייגן אז אפשר דאס איז מרומז די וואך אין די סדרה (פ׳ ויצא). יעקב אבינו האט מתפלל געווען "**והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהי׳ בית אלוקים**"; אז די הערצה וואס מען האט צו א מצבה וועט מען האבן אויך צו א בית המדרש, א בית המדרש וועט האבן כאטש די זעלבע חשיבות ווי א מצבה, און נאכמער...

י. מ. ל. - שיכון סקווירא

*

### די גרעסטע מופת!

**די** פארגאנגענע וואך פ׳ תולדות האב איך מיר באגעגנט אין די סדרה מיט א רש״י וואס האט מיר אויפגעברענגט אין געדאנק דעם ארטיקל ׳לעבן אויף קידוש ה׳׳ וואס איז ערשינען אין אייער גליון דעם פארגאנגענעם פ׳ חיי שרה.

אויפן פסוק ׳ויתן לך האלוקים׳, זאגט רש״י: **דבר אחר, מהו האלקים, בדין, אם ראוי לך, יתן לך, ואם לאו לא יתן לך, אבל לעשו אמר, משמני הארץ יהיה מושבך, בין צדיק בין רשע יתן לך. וממנו למד שלמה, כשעשה הבית סידר תפלתו, ישראל שהוא בעל אמונה ומצדיק עליו הדין, לא יקרא עליך תגר, לפיכך ונתת לאיש כדרכיו אשר תדע את לבבו** (מלכים-א ח, לט.), **אבל נכרי מחוסר אמנה, לפיכך אמר ואתה תשמע השמים וגו׳ ועשית ככל אשר יקרא אליך, הנכרי, בין ראוי בין שאינו ראוי תן לו, כדי שלא יקרא עליך תגר.** ע״כ

רש״י שמועסט דא אויס די זעלבע נקודה "אן ערליכע איד מאכט נישט מיטן באשעפער קיין דיעלס", אודאי מעג מען און מען דארף בעטן אויף סיי וואס מען דארף, און אודאי טוען קבלות טובות צוהעלפן אז די ישועה זאל קומען, מען דארף אבער וויסן אז מען קען זיך נישט גאראנטירן קיין ישועות, דער באשעפער פירט די וועלט און אסאך מאל זענען דא אנדערע חשבונות וואס מיר פארשטייען נישט. מיר דארפן זיך לאזן פירן.

במילא נאכן נעמען אויף זיך די קבלה, חלילה צו קומען מיט א טענה ׳היתכן איך בין נישט געהאלפן געווארן׳, דאס איז די שפראך פון א גוי, א איד א מאמין בה׳, פארלאזט אויפן באשעפער אז ער וועט טוהן וואס איז ריכטיג. התהלך לפניו והיה תמים.

ובאמת, דאס אז דער באשעפער זאל באווייזן ׳מופתים׳ דאס איז דאך א קלייניגקייט, ער איז דאך א כל יכול, און גארנישט שטייט אים אין וועג. איר ווייסט וואס הייסט א ריכטיגע מופת? דאס אז א איד, א בשר ודם, א קרוץ מחומר, שלאגט זיך מיט א מלאך משמים, א גרויסע און שטארקע יצר הרע, און עס געלונגט איהם צו מנצח זיין, דאס איז שוין איינמאל א מופת! א איד וואס ברעכט זיך די תאוות, ער טוישט זיין רגילות, און נעמט אויף זיך א פעסטע קבלה נישט צו רעדן ביים דאווענען, איז נישט דא קיין גרעסערע מופת ווי דעם!

ויה״ר שימלא ה׳ כל משאלותינו, און יעדע איד זאל באקומען די מחסורו אשר יחסר לו, וישלח ה׳ ברכה והצלחה בכל מעשי ידיכם.

ח. א. פ. - בארא פארק




# הלכה י"א: דארף דער בעל תפילה שטיין נידריגער פונעם ציבור? (ב)

## - הוספה חשובה מהרב ר' לוי יצחק האגער שליט"א -

**לכבוד** מערכת הגליון החשוב "נקדישך".

אינעם גליון פון פרשת תולדות איז אין אונזער מאמר געווען א שמועס איבער דעם מנהג וואס דער מגן אברהם ברענגט בשם ספר האגודה, אז דאס פלאץ פונעם בעל תפלה זאל זיין טיפער ווי דער גאנצער ביהמ"ד, אלס "ממעמקים קראתיך השם" (אזוי איז עד היום איינגעפירט אין בעלזא און אין נאך פלעצער).

מען האט צוגעברענגט וואס זקה"ק רבי **יצחק אייזיק מקאמארנא** זי"ע שרייבט אין **שולחן הטהור**: "לא ראיתי זה הענין בשום בית הכנסת של הקדמונים שיהיה המקום של השליח ציבור עמוק... אדרבא צריך שיהי' במקום גבוה... **וכך ראיתי בבית הכנסת של גדולי עולם, מהן הרמ"א, משאת בנימין, ובית הכנסת של רבינו ישראל הבעל שם טוב**".

און אויף דעם איז שווער, אז היינט זעט מען די מציאות אין בית הכנסת הרמ"א אז עס איז יא טיפערביים פלאץ פונעם שליח ציבור.

האט מען צוגעברענגט וואס כ'האב אמאל געענטפערט בדוחק, אז אין דעם כתב יד פון שלחן הטהור קען מען אפשר ליינען 'רב"א' אנשטאט 'רמ"א', וואס דאס איז ראשי תיבות ר' ב'נימין א'הרן, דער נאמען פונעם בעל **משאת בנימין**.

אויף דעם האבן אסאך חשוב'ע קוראים מעורר געווען, אז כאטש ווען מען זעט דעםווארט אליין וואלט מען געקענט ליינען 'רב"א', דארף מען אבער קוקן ווי אזוי דער הייליגער קאמארנער זי"ע שרייבט די אותיות ביי אנדערע ווערטער, און אין דעם כתב יד זעט מען א קלארע חילוק צווישן אות מ' און אות ב'. און כאטש ביי דעם ווארט 'רמ"א' איז די אות מ' אביסל אנדערש ווי די אנדערע פלעצער ווי עס שטייט מ', איז עס אבער אסאך מער אנדערש ווי די אות ב' אין אנדערע פלעצער.

די ענטפער אויף דעם איז, אז עס קען זיך מאכן אין כתבי ידות, אז א געוויסע אות זאל אמאל זיין געשריבן אויף א צווייטן וועג ווי עס איז געשריבן אין אלגעמיין, ווייל עס איז געשריבן געווארן אין א צייט וואס דער שרייבער האט געמאכט א טויש אין זיין האנט-שריפט, וואס דעמאלס קען ער אמאל שרייבן איין אות אויף דעם וועג וואס ער איז געוואוינט פון אמאל.

אבער למעשה האבן מיר יעצט איבערגעקוקט אסאך כתבי ידות פון דעם



די ארגינעלער כתב יד פונעם קאמארנער

קאמארנער זי"ע פון פארשידענע תקופות, און כאטשיג עס זענען דא כתבים ווי ער שרייבט א ב' זייער ענדליך צו א מ', איז נאך דא א חילוק צווישן דעם און די מ' פון 'רמ"א' (עס איז גרעסער און מער רונדיג ביי די אויבערשטע לינקע שפיץ). ממילא איז עס בפשטות טאקע צו א גרויסע דוחק צו זאגן אז עס מיינט 'רב"א'.

עס זענען דא נאך פיר הצעות צו פארענטפערן די קשיא, אבער קיין איינס איז נישט גלאטיג:

**א. עס שטייט אפשר "רמ"ע ומשאת בנימין".**

אבער עס זעט נישט אויס ממש ווי די אנדערע אותיות ע', און אויך איז די שטריך ווייט אפגערוקט פון דעם ווארט 'משאת', און עס זעט ענדערש אויס ווי די פוס פון אן אות א'. אויך האט דער רמ"ע מפאנו געלעבט אין איטאליע, שפעטער ווי דער משאת בנימין.

**ב. עס שטייט אפשר "רע"א".**

אבער דאס איז בכלל נישט מסתבר לויט די שריפט און די יארן.

**ג. דער קאמארנער זי"ע מיינט אפשר צו זאגן, אז כאטש א ראשון שרייבט אזא מנהג, האט ער נישט געזען אז מען זאל האבן געמאכט אזוי אין די בתי כנסת פון די ראשונים, "וכך ראיתי" [אז מען האט עס יא געמאכט] נאר ביי געציילטע בתי כנסיות פון אחרונים ווי דער רמ"א** (און אזוי ווערט טאקע געברענגט אין ספר 'עיר מבצר' אז אויך אינעם שול פונעם בעש"ט הק' איז די ערד ביי זיין פלאץ געווען נידריגער).

המשך אויף עמוד ח'



אריינגאנג צום שול פונעם בעש"ט הק'



אריינגאנג צום שול פונעם משאת בנימין



אריינגאנג צום שול פונעם רמ"א

# מכתב קודש

## מהרה"ק רבי דובער מליובאוויטש זצוק"ל

(האדמו"ר האמצעי - נפ' ט' כסלו תקפ"ח לפ"ק)

# בחומר הענין של שיחה בשעת התפלה

[קיץ תקפ"ג]

**לאנ"ש דפאריטש וסביבותיה**

**היות** שהגיעני מכתב בבקשתם ע"י הנוכחי מוהר"ז כ"ץ שד"ר לבוא למחוזם על איזה שבועות בחורף הבא. הגם שקשה עלי הדבר מאד לפי העת והזמן שאיני בתכלית הבריאה כידוע לכל, אעפ"כ אראה למלאות בקשתם. **אך בתנאי שאוציא מכח אל הפועל נדון אשר נפשי מרה לי מאד, על דבר השיחה בטלה אשר בכל עיר ומנין בעת התפלה. וכמה אזהרות קבלו גם בחיי אאמו"ר ז"ל ולא הועיל להיות מתקיים בקשתו ואזהרתו.**

**לכן להודיע משמי לכל עיר ומנין הסמוכים והרחוקים, שיעשו הסכם חזק בחתיכה דאיסורא שלא ידברו בעת התפלה, משעה שיעמוד הש"ץ לפני התיבה, ויעשו איש משגיח נאמן רוח שלא ישא פנים לשום איש, גם יעשה בזיון לכל העובר על החתיכה דאיסורא, בשמי ובכחי יעשה,** ועלי ליתן כח ועוז עד מקום שידי מגעת. אך יהיו נא עושים באמונה ויתקיים הדבר, וממש יחיו אותי וישיבו את נפשי ממש.

**כי** מי לא ידע מקטרוגים הקשים שעלינו ואין איש שם על לב בשל מי הרעה **הזאת ולדעתי מוסיף הדבר הרע הזה חרון אף ח"ו. כי לא ניתן לכתוב גודל עגמת נפש שאני סובל מזה, בראותי הפרץ שפרצו העם איש איש ולשונם תהלך בארץ, דברי היתול ודברים של מה בכך ובעסקי העולם, ודוקא בשעה שהש"ץ מתפלל הולכים הנערים והזקנים גם כן ארוכות וקצרות, ויחדיו יתלחשו בפריקת עול, הישמע ה' לתפלת שארית הנמצאה כו'. חוסו נא על נפשכם אהובי אחיי ורעיי, אל תרעו רעה גדולה כזאת, בושו והכלמו ממעשיכם הרעים נגד ה', שישמע לכם בכל עת מצוא כו',** ואני את נפשי הצלתי, שלא יחשב עלי עון כו'.

**דברי** המודיע נאמנה, ומצפה לתשובת כל עיר ועיר ומנין ומנין על שקיימו וקבלו עליהם את בקשתי ומשאלותי, ואמלא גם אנכי בקשתם, ומכלל הן כו'.

דברי המעתיר

**דובער**

---

## בית הכנסת הרמ"א אין קראקא

די אייגנארטיגע מנהגים אינעם אייקאנישן

המשך פון עמוד ז'

אבער עס זעט נישט אויס אזוי פון דעם וואס דער קאמארנער זי"ע שרייבט דערנאך "ולית דחש לזה כלל".

**ד. "וכך ראיתי" גייט ארויף נאר אויף דעם וואס ער שרייבט פארדעם "אדרבא צריך שיהי' במקום גבוה", דאס הייסט אז דארט איז די גאנצע ערד אין די בתי כנסיות העכער ווי די ערד פלאך אינדרויסן.**

אזוי זעט מען טאקע אויף בילדער פון דעם ביהמ"ד פונעם משאת בנימין אין פאדהייץ, אין דעם ביהמ"ד פונעם בעש"ט הק' אין מעזיבוז, אז עס זענען געווען טרעפ פאר דעם אריינגאנג. אבער ביים בית הכנסת הרמ"א איז דא נאר א גאר נידריגע טרעפל צום פאליש, און די ערד פונעם בית הכנסת איז אביסל נידריגער ווי דער פאליש, ממילא זעט נישט אויס אז עס זאל זיין צופיל העכער ווי אינדרויסן.

בכל אופן, דער עיקר אז מען זאל געדענקן דעם רוחניות'דיגן פירוש וואס דער קאמארנער זי"ע שרייבט כדרכו בקודש אויף "ממעמקים קראתיך", אז מען זאל דאווענען מיט שפלות הרוח קעגן די גדלות הבורא, וואס דעמאלס איז מען נזהר כראוי אינעם ענין פון מורא מקדש, און מען פועל'ט אלעס גוטס.

בברכת הצלחה רבה.

**לוי יצחק האגער**

---

### מי שברך שחיבר מרן בעל תוס' יו"ט זיע"א

**מִי שֶׁבֵּרַךְ** אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, הוּא יְבָרֵךְ הַשּׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ מִלְּהַפְסִיק בְּשׁוּם דִּיבּוּר. מִן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר עַד גְּמַר הַתְּפִלָּה וּבִשְׁעַת קְרִיאַת סֵפֶר תּוֹרָה שֶׁבְּצִיבּוּר: אֲפִילוּ בְּדִבְרֵי תוֹרָה וְאֵיזֶה דִּיבּוּר כָּל שֶׁכֵּן בְּשִׂיחַת חוּלִין וְסִיפּוּרֵי שְׁמוּעוֹת. וְיָחוּלוּ עָלָיו כָּל הַבְּרָכוֹת הַכְּתוּבוֹת בְּתוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וּבְכָל סִפְרֵי הַנְּבוּאוֹת: יִרְאֶה זֶרַע כְּשֵׁר חַיִּים וְקַיָּמִים. וְיִזְכֶּה לִשְׁנֵי שׁוּלְחָנוֹת שֶׁבִּשְׁנֵי עוֹלָמִים: שֶׁהֵם הָעוֹלָם הַזֶּה שֶׁעָלָיו נֶאֱמַר וְהִנֵּה טוֹב. וְהָעוֹלָם הַבָּא שֶׁהוּא יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ אָרוּךְ גַּם טוֹב: וְנֹאמַר אָמֵן:

KEREN TOSFES YOM TOV
670 Myrtle Ave #6449
Brooklyn NY 11205
Tel: 212.299.9185 Fax: 212.244.6551
Email: Gilyon@KTYT.org